**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/5/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אז אפליקאציעס ווערן יעצט אנגענומען פאר 2023 עמפייער סטעיט פעלאָוס פראגראם

***פראגראם גרייט צו די קומענדיגע דור פון פאליסי שרייבער צו פירן ניו יארק סטעיט***

***אפליקאציעס געעפנט אום יאנואר 1, 2023 און וועלן אנגענומען ווערן ביז אפריל 3, 2023***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אפליקאציעס ווערן יעצט אנגענומען פאר די 2023 קלאס פון די עמפייער סטעיט פעלאָוס (Empire State Fellows). די הויכגעשפריצטע פראגראם ציהט צו אויסערגעווענטליכע און פארשידנארטיגע טאלאנטפולע סטודענטן פון ניו יארק סטעיט און פון אריבער דעם לאנד צו דינען אין הויך-ראנגיגע שטעלעס אין די אדמיניסטראציע. זינט די פראגראם איז אויפגעשטעלט געווארן 11 יאר צוריק, האבן גראדואירטע סטודענטן פון דעם עמפייער סטעיט פעלאָוס פראגראם שוין ווייטער געגאנגען צו באקומען אנגעזעהענע ראלעס, אריינרעכענענדיג דעפּיוטי קאמישאנער, דעפּיוטי סעקראטאר און טשיף אָוו סטעף פאזיציעס אין פארשידענע סטעיט אגענטורן.

"שוין פאר 11 יאר, האבן טייל פון די בעסטע און קלוגסטע ניו יארקער וועלכע האבן געזוכט צו האבן א השפעה אויף זייערע קאמיוניטיס דורך א קאריערע אין פובליק סערוויס אנטיילגענומען אין דעם עמפייער סטעיט פעלאָוס פראגראם," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "יעצט קוקן מיר ארויס צו באגרוסן די קומענדיגע קלאס פון פארשידנארטיגע און טאלאנטפולע פעלאָוס אין דאס וואס איז שוין געווען א טראנספארמאטיווע ערפארונג אין סטעיט רעגירונג פאר פילע אין די פארגאנגענהייט. איך מוטיג יעדער וואס חלומ'ט צו האבן א פאזיטיווע השפעה אויף ניו יארקער'ס לעבנס צו אפלייען און זיך אנשליסן אין די ראנגען פון אונזערע צוקונפטיגע פירער."

דער עמפייער סטעיט פעלאָוס פראגראם איז א פול-טיים פירערשאפט טרענירונג פראגראם וואס גרייט צו די קומענדיגע דור פון טאלאנטפולע פראפעסיאנאלן פאר קאריערעס אלץ ניו יארק סטעיט פאליסי שרייבער. די אריינקומענדע קלאס פון עמפייער סטעיט פעלאָוס וועט דינען פון סעפטעמבער 2023 ביז סעפטעמבער 2025, און זיי וועלן באקומען א יערליכע געהאלט פון $85,000 אין צוגאב צו א ברייטהארציגע רייע פון בענעפיטן. ביים ענדע פון דעם פעלאָושיפ פראגראם וועט אן עררייכונגען איבערבליק פראצעדור אידענטיפיצירן די עמפייער סטעיט פעלאָוס וועלכע וועלן געגעבן ווערן די געלעגנהייט צו פארזעצן צו דינען אלץ פירער אין ניו יארק סטעיט רעגירונג נאכן פארענדיגן דעם פראגראם.

**דעפּיוטי סעקרעטאר פאר פאליסי אפעראציעס, פעדמע סימאנגאל, האט געזאגט,** "אלץ א שטאלצע געוועזענע סטודענטקע פון דעם עמפייער סטעיט פעלאָוס פראגראם, איז עס מיר א זכות צו זיין טייל פון א גרופע פון טאלאנטפולע און איבערגעגעבענע פובליק בעאמטע. איך האבן באקומען אומשאצבארע סקילס, ערפארונגען און קשרים דורך דעם פעלאָוס פראגראם וועלכע האבן מיר געגעבן די נויטיגע כלים

צו דינען מיין סטעיט. מיין צייט אלץ עמפּייער סטעיט פעלאָו האט מיר געגעבן די געלעגנהייט צו קוקן מיט א ברייטע בליק אויף מיין דינסט און צו שטופּן פאר גלייכקייט פאר מיינע ניו יארקע שכנים."

דאס זיין פארמישט אין די ארבעט פון די ניו יארק סטעיט רעגירונג איז די צענטראלע זאך פון דעם עמפּייער סטעיט פעלאָוס פּראגראם. די גאווערנער'ס אפיס וועט באשטימען געציילטע יעדע עמפּייער סטעיט פעלאָו צו ארבעטן דירעקט מיט א קאמישאנער, דעפּיוטי קאמישאנער אדער אנדערע הויכראנגיגע בעאמטע אין א סטעיט אגענטור אדער אויטאריטעט אדער אין די עקזעקיוטיוו טשעימבער. ארבעט אויפגאבן שטעלן צו פאר פעלאָוס איינציגארטיגע ערפארונג ארבעטנדיג צוזאמען מיט הויכראנגיגע בעאמטע און אנטייל נעמען אין די פּאליסי מאכונג פּראצעדור.

אין די צייט ווען זיי וועלן נעמען א חלק אין די ארבעט פון די סטעיט רעגירונג וועלן עמפּייער פעלאָוס זיך באטייליגן אין חינוך'דיגע און פּראפעסיאנאלע אנטוויקלונג פּראגראמען וועלכע וועלן זיי העלפן דינען אלץ ווירקזאמע און ארנטליכע רעגירונג פירער. די חינוך'דיגע באשטאנדטייל פון דעם עמפּייער סטיעט פעלאָוס פּראגראם הויבט זיך אן מיט אן אריענטאציע קלאס אין סעפּטעמבער 2023. די חינוך'דיגע קלאסן וועלן נאכפאלגן יעדע האלבע חודש. אין דעם זעלבן צייט וועלן פּראפעסיאנאלע אנטוויקלונג אקטיוויטעטן, אריינרעכענענדיג א מענטארינג פּראגראם און רעגלמעסיגע באגעגענישן מיט קאבינעט מיטגלידער און אנדערע רעגירונג פירער פארשטערקערן עמפּייער פעלאָוס'ס מיטארבעט מיט פּאליסי שרייבער.

אפּליקאציעס האבן אנגעהויבן צו אנגענומען ווערן זונטאג, יאנואר 1, 2023 און וועלן אנגענומען ווערן ביז מאנטאגג, אפּריל 3, 2023. באזוכט [www.ny.gov/new-york-state-fellowship-programs/empire-state-fellows-program](http://www.ny.gov/new-york-state-fellowship-programs/empire-state-fellows-program) פאר מער אינפארמאציע איבער דעם פּראגראם און פאר אנווייזונגען וויאזוי צו אפּלייען.

###